ברודערליך, לאמיר זינגען ידיד נפש

בס"ד

דער באקאנטער חסיד ר' מענדיל פוטערפוס ע"ה איז אמאל געזעסען ביי א פאברענג מיט נאך חבד'סקער יונגעלייט,און עוסק געווען בדברי תורה וחסידות,מ'זינגט און מלויבט דעם איינציגען באשעפער בדיבוק חברים,משקה גיסט זיך,ארויף ברענגעדיג די אידען צו א העכערע וועלט ,א וועלט וואס איז נישט פארהאן דארט קיין גשמיות ,נאר בלתי ה' לבדו ,א וועלט אפגעזינדערט פונעם חומריות הגוף,ווען כל כולו שרייט צמאה לך נפשי,קמה לך בשרי, טי רא רא רא רא ראם .....

ר' מענדיל זיצט מיט די אויגען פארמאכט און הייבט אן פארציילען א מעשה וואס ער האט ער אליין געהערט פונעם בעל העובדה,א איד וואס אריבער די ביטערע רוסישער גלות אינעם אייז קאלטען סיביר,און אט איז וואס האט פאסירט.

מען האט מיך גענומען קיין סיביר ,בלויז פארען חטא פון פארשפרייטען תורה ומצוות ,ס'איז געווען איין נאכט ווען די טרויערדיג באקאנטע נ.ק.וו.ד. האבען זיך איינגעבראכען ביי מיר אין דירה ,מיר געגעבען א כאפ און ארויף געשטעלט אויפען באן קיין סיביר ,מען האט מיר ניטאמאל געגעבען א געלעגענהייט מיטצונעמען אביסעל ספרים צו שטילען דאס הונגער פינעם זעהל, און ווער רעדט נאך פון עפעס עסען,מען האט מיר אריין געשטעלט אין עפעס א כאטקע ,ווי מ'האט נישט געזעהן קיין נברא פאר מיילען לאנג ,און אט דא האב איך געמיזט פארברענגען מיינע טעג,די איינציגסטע זאך וואס מיר האבען געקענט וויסען איז געווען די טעג פון וואך לויטען זון און דעם מולד הלבנה ,אזוי האבען מיר כאטש געוויסט ווען שבת און יו"ט פאלט אויס,אבער צו פראווענען די טעג האב איך נישט געהאט מיט וואס ,נישט קיין חלות,נישט קיין פיש,נישט קיין שופר ,נישט קיין מצות ,נישט קיין סידור אדער חומש ,ווי אויך נישט קיין ד' מינים ,ממש גארנישט ,און פארשטייט זיך אז דאס האט צוגערעגט צו אביסעל עצבות נישט קענענדיג מקיים זיין דעם בורא'ס געבאט.

איין שבת נאמיטאג ווען איך בין מיר געזעסען ביי מיר אין לעכעל ,פאר'צער'ט און דערביטערט,האבען מיטאמאל דערגרייכט צו מיינע אויערען א קול פון א זיסע תנועה ,דאס ערשטע מאל וואס איך הער א מענטשליכע שטומע אין די געגענט ,כ'האב אנגעהויבען נאכגיין דעם קול ביז ס'איז מיר אנטלפעקט געווארען אן אלטע איד זיצט אויף א שטאם פון א בוים, די קאפ געווארפען אויף ארויף ,די אויגען פארמאכט,די הענט כלפי מעלה און מיט השתוקקות זינגט ער ידיד נפש ,מיט אזא התלהבות,און מיט א נעימות,האב איך מיר אוועק געזעצט נעבען עם און אנגעהויבען מיט זינגען ,פילענדיג ווי דער גאנצע בריאה זינגט מיט,איי משוך עבדך אל רצונך.... כי זה כמה נכסוף נכספתי....אז תתחזק...הגלה נא ופרוס חביבי עלי....

נאך עטליכע שעות פון אמת'דיגע קורת רוח עפענט דער אלטער זיינע אויגען און קוקט מיר אן ,און זאגט,איך בין שוין דא דרייסעג יאר אין דעם מדבר שממה אן קיין ספרים און אן קיין אידישקייט ,דער איינציגסטע זאך וואס האלט מיר ביים לעבען איז דער ידיד נפש,זאג מיר אפשר האסטו עפעס א דבר שבקדושה מיט געברענגט דא אהער, פארצייל איך עם אז ווען מ'האט מיר אוועק געריסען פון שטוב האב איך פראבירט צו כאפען מיינע תפילין, דעם של ראש האבען די רשעים פון מיר צוגענומען אבער עס איז געלונגען צו באהאלטען דעם של יד אונטערען ארעם און אזוי עס אריין געשווערצט,דער איד קוקט מיר אן מיט בענקעניש און זאגט,איך בעט דיר לאז מיר מארגען צופרי אנטון דעם של יד, איך וויל קענען ליינען קריאת שמע כאטש מיט האלב א פאר תפילין, אודאי בין איך מסכים זאג איך עם, און א גאנצע נאכט זענען מיר געזעסען און פארברענגט בדברי חסידות און ניגונים ווארטענדיג ס'זאל ווערען טאג, גלייך ביים נץ האב איך עם דערלאנגט דעם של יד און מיט טרערען טוט ער עס אן און ליינט קרי"ש מיט אזא

השתפחות הנפש אזש די ערד אונטער אונז האט געציטערט ,און ווי נאר ער האט געענדיגט יצאה נשמתו הטהורה האבענדיג ערפילט איר תפקיד אויף די וועלט.

רופט זיך אן ר'מענדיל פוטערפוס פאר די חסידים ארום עם,אמת טאקע ווען איך האב נישט קיין ספרים ,איך האב נישט קיין ווייב ,נישט קיין קינדער ,נישט זעהן נאך א איד פאר דרייסיג יאר ווייס איך ניט צו איך וואלט געקענט זינגען ידיד נפש מיט אזא געפיל ווי דער איד אין סיביר האט געזינגען,אבער אז איך בין יא געזונט,איך האב יא געזונטע קינדערליך,איך האב יא מאכלי שבת,מצוות און אלע אנדערע דברים שבקדושה ,איך קען זיצען מיט ידידים און פארברענגען,זאל איך ניט זינגען ידיד נפש ?

טייערע ברידערליך, מיר גייען אריין אינעם יו״ט וואס די תורה בעפעלט אונז צו זיין בשמחה,והיית אך שמח ,ס'איז א זמן שמחתינו ,ווען מ'גייט זיצען אין סוכה געטס א טראכט,ב״ה איך האב א סוכה ,איך האב ד' מינים ,מיינע קינדער און בני בית זענען אנגעטון און בגדי מלכות ,די מאכלים זענען געשמאק און בע'טעם'ט,געלויבט דער פון אויבען אז יעדער איז געזונט,איך שעפ נחת פון מיינע שעפעלעך,בין איך נישט גליקליך ? קומט זיך נישט א שבח פארען איינציגען באשעפער וואס האט אונז אלעס געגעבען און געט אונז נאך און נאך , עלי, דו געסט דאך מיר אלעס ,אלעס וואס איך האב איז דיינס ,וואס דו האסט מיר געשאנקען א מתנת חינם ברוב רחמיך,נאר וואס יא, הלל קען איך פאר דיר זינגען ,על כל החסד אשר עשית, ואשר אתה עתיד לעשות, עמי, ועם כל בני ביתי.

צדיקים האבען געטייטשט ,לא המתים יהללו קה ,פארוואס טאקע נישט? נאר א מת האט א עבר וואס ער האט געלעבט אויף די וועלט,און ער האט אן עתיד ביי תחית המתים,אבער א הוה האט ער נישט,משא״כ מיר לעבדיגע האבען א הוה און אויף דעם דאנקען מיר ,אז עס גייט אונז גוט יעצט ,איך לעב ,איך בין געזונט ,איך האב ב״ה פרנסה גענוג אויף צו העלפען א צווייטען אויך ,איך זעה נחת פון מיינע קינדער,שלום בית ,איך בין צופרידען ,און אויף דעם אלעס און אלע אנדערע זאכען וואס איך ווייס ניטאמאל אז דו ,ליבע טאטע טוסט פאר מיר,אויף אלעם דאנק איך דיר .

ממילא ברידער לאמיר זיך צומאכען די אויגען ,עפענען אונזערע הערצער און לאזען אונזערע שטים בענדער זינגען ידיד נפש פארען אב הרחמן,
איי משוך עבדך אל רצונך.... כי זה כמה נכסוף נכספתי....אז תתחזק...הגלה נא ופרוס חביבי עלי....וחוסה נא על בן אהובך...ירוץ עבדך כמו איל...איי טאטע זיסע,נפשי חולת אהבתך....נגילה ונשמחה בך....

און לאמיר אלע האבען א לעכטיגע און פרייליכע יו״ט!!